אונזער וואָרט.

זאמעל-ביכעל

אַרויסגעגעבען פון דער רעדאַקציע „אונזער וועג"
:: :: געווידמעט דער פּרעסע-אַקציע. :: ::

אונדזער וואָרט — —	ד"ר י. קרוק
די ים-לאמטערנעם	י. גוטמאַן
די „פֿאַרייניגטע" און די אידישע אַרב.-בעוועגונג —	מ. מענדעלסבערג
טענות פון אינדזערע קעגנער — —	י. גאָרדין
ווערטער — —	י. פּאַט
פֿאַלשע און אמת'ע פּרעסע-פרייהייט	פּ. ריילאַנד
דער פּאַקעל — —	אברהם זאַק
מאַטעריאַלען צו דער געשיכטע פון אינדזער פּאַרטיי-פּרעסע	י. ק.

יאַנואַר 1920.

פאַרלאַג „צוקונפט“ וואַרשע

שוין דערשינען:

1) די אידישע וואַנדערונג — פון ד"ר ק. פאָרנבערג. פרייז 20 פ.

2) די אידישע פאַרמערייִ אין אַמעריקע — פון מ. כץ. פרייז 25 פ.

3) צי איז מעגלעך אַ אידישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע — פון י. לעווין. פרייז 1 מ.

4) קהלה־פראַגען (די קהלה אַלס אָרגאַן פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע — פון בן־אַדיר (א. ראָזען) — 2־טע אויפלאַגע. פרייז 65 פ.

5) אונדזערע נאַצ. פאָדערונגען — פון יעקב לעשצינסקי. פרייז 50 פ.

6) דער אידישער פראָלעטאַריער — זאַמעלבוך I פרייז 2 מ.

7) דער אידישער פראָלעטאַריער — זאַמעלבוך II פרייז 2 מ.

8) דער וועג פון אידישען פּראָלעטאַריאַט — פון מ. אנין (ד"ר מ. שאץ). פרייז 80 פ.

9) דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט מיט פאָררעדעס — פון מאַרקס, ענגעלס און קאַאוטסקי. פרייז 2,50 מ.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדען:

אדמיניסטראַציע „אונדזער וועג“

וואַרשע, לעשנא 27.

פאַר בריף און געלד: טעלעפאָן 38—67 פּאָסט־פאַך 69.

מתנה מיט [redacted]
פון פריינד מחבר.
[redacted]

ד״ר י. קרוק.

אונזער ווארט.

די געשיכטע פון אונדזער וואָרט געהערט צו די שענסטע און הערא־ישסטע קאַפּיטלען פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער אידישער רעוואָלוציע.

אָנגעהויבען האָט זי זיך אין יענע לעגענדאַרעשע יאָרען, ווען „אונטער דער ערד״ האָט מען געשמידט נייע רעוואָלוציאָנערע נשמות ווען אין די קעלערס און אויף די בוידעמס האָט מען געחלומט וועגען אַ נייער וועלט, ווען יעדעס געדרוקטע וואָרט פלעגט ווערען איינגעגלידערט אין דער גאָלדענער קייט פון אַ נייער וועלט־אַנשויאונג.

דאָס איז געווען די סודות־פולע צייט, ווען דער שטומער הויבט אָן צו רעדען. ס׳איז געווען אַ העראָישע סימפאָניע פון דעם שרייבער, פון דעם דרוקער, פון דעם פאַרשפרייטער, פון דעם „שוואַרצער״ — און אויך פון דעם לעזער. ווייל ניט נור פאַרן שרייבען און פאַרשפרייטען, נור אַפילו פאַרן לעזען דאָס אומלעגאַלע וואָרט איז מען געשטאַנען אין סכנה פון לאַנגע יאָרען תפיסה און פאַרשיקונג. ווי אַ העלד האָט זיך געפילט יעדער פאַרשפרייטער פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, און ווי אַן „אויסגעקליבענער״ האָט זיך געפילט יעדער אַרבעטער און אינטעליגענט,

וועלכען מע פלעגט „געבען", די ליטעראַטור, וואָס מע געטרויט איִם די סודות און מע וויל איִם אַריינגעמען איִן „קרייז" און די איינפאַכע אַרבעטער האָבען זיך געפיִלט ווי אמת'ע פּראָלעטעטוסען.

די „אונמאַכטיִקע טרוימער" זענען געווען ניִשט פיִל, קליינע צוואָר־פּענע גרופּקעס, און צו זיי האָט געהערט די וועלט, די האַרמאַטען, דאָס געריכט, די תפיסות, די זשאַנדאַרמעריע.

און אונדזער געווער? עס איִז געווען דאָס געדרוקטע וואָרט. און אונמאַכטיִק האָבען זיי זיך געפיִלט מיט שווערדען און קוילען. מיר זענען געווען שוואַך, אָבער געציטערט האָבען „זיי".

מע דערציילט, אַז דער רוסיִשער באַריִמטער אַכזריו דיִקער זשאַנ־דאַרמעריע־שעף, אָרלאָוו, האָט אַמאָל געבעטען אַ בעקאַנטען, וועל־כער איִז געפאָרען קיין דייטשלאַנד: „איִך בעט אייך, ווען איִר וועט זיין איִן דער שטאָט ניִרענבערג, גייט צו צו גוטענבערגס דענקמאָל (דעם אַנט־דעקער פון דרוק) און איִן מיין נאָמען—שפּייט איִם איִן פּנים אַריין, וויל פון איִם איִז געקומען דער גאַנצער אומגליִק אויף דער וועלט".

איִן די קעלערס, אויף די בוידעמס, איִן די ווייטע פאַרוואָרפענע עקען שטאָט, האָט מען פאַרשפּרייט אַלץ מער „גוטענבערגס אומגליִק"—און צוזאַמען מיטן געדרוקטען וואָרט איִז אַנטשטאַנען דער רעוואָלוציאָנער, דער קעמפער, דער אָנזאָגער פון אַ נייער וועלט.

און פאַר אונדזערע פאַרטיי־חברים איִז די צייט געווען נאָך מער ווי פאַר אַנדערע אַ „שטורם און דראַנג"־פּעריאָד. מיר האָבען געפיִלט די דער־פריִשענדיִקע כוואַליעס פון דעם רעוואָלוציאָנערען שטורם־ים מיר האָבען געטאָן אַלץ וואָס איִז געווען מעגלעך, אַז דער שטורם זאָל וואָט גיִכער קומען, און זאָל זיין וואָס שטאַרקער און פיִל פון אונז זענען איִן סיִביִר, איִן קאַטאָרגע און איִן תפיסות געגאַנגען, פון וואַנען אַ טייל זענען שוין ניִט צוריקגעקו־מען. אָבער גלייכצייטיִק האָבען מיר מיִט אונדזער גאַנצער ליידענשאַפט, איִן די טיִפעניִש פון אונדזערע נשמות, מיִט דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון אונדזער באַוואוסטזיין געשטרעבט ניִשט נאָר צו דער רעוואָלוציע איִן דער רוסיִשער איִמפּעריִע, נור אויך צו דער איִדיִשער רעוואָ־לוציע, מיר האָבען געוואָלט איִבערבויען דאָס גאַנצע איִדיִשע אַרבעטער־לעבען אויף נייע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליִסטיִשע און שעפעריִש־פּרוקטבאַרע יסודות. מיר האָבען געזוכט די פאַרענטפערונג פון דער איִדיִשער אַרבעטער־פראַגע. מיר האָבען געוואוסט און געפיִלט און אויף יעדען טריִט געזען די ריִכטיִקייט פון קאַוטסקי'ס געדאַנק, אַז דער סאָציאַליִזם בכלל וועט אמת קומען באַשטיִמט, פון דעם איִז אָבער נאָך ניִשט געדרונגען, אַז איִן „קע־ניִגרייך פון סאָציאַליִזם" מוזען אַריינגיין דוקא אַלע פעלקער. אַלס איִדיִשע רעוואָלוציאָנערען, אַלס איִדיִשע סאָציאַליִסטען, שטרעבען מיר אָבער דאָך צו סאָציאַליִזיִרען דאָס איִדיִשע לעבען, פאַרוואַנדלען דאָס איִדיִשע פאָלק איִן אַן אַרבעט־פאָלק, פאַרוויִרקליִכען דעם סאָציאַליִזם פאַר די איִדיִשע אַרבעטער־מאַסען און שאַפען פאַר זיי די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אומ־באַגרענעצטע אַנטוויִקלונג־מעגליִכקייטען. ווי גלייכע וויִלען מיר אַריינ־טרעטען איִן די סאָציאַליִסטיִשע פעלקער־פאַמיִליע און איִן דער צייט פון די גרעסטע העראָישע מעשים—איִז געבוירען געוואָרען אויך דער גרעסטער

הערךישער געדאַנק, דער סינטעז פון טעריטאָריאַליזם און סאָציאַליזם, די אידישע רעוואָלוציע.

אין דער צייט, ווען אַנדערע פּאַרטייען האָבען אין זייער פּרעסע נור רעגיסטרירט די פּאַקטען און סימנים פון דער פּראָלעטאַרישער אומגעדולדיקייט און האָבען נור געדעדט וועגען טאַקטישע פראַגען, — האָבען מיר וואַרפענדיק זיך מיטן גרעסטען ענטוזיאַזם אין דער אַלגעמיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט גלייכצייטיק אויך—דוקא אין אַזאַ אָנגעשטרענגטער צייט— געמוזט שאַפען אַ נייע אַנשויאונג.

מיט דעם דערקלערט זיך, אַז אויך אונדזער אומלעגאַלע פּרעסע (די געשיכטע פון וועלכער דער לעזער וועט געפינען אונטען) האָט תמיד אָפּגעגעבען אַ פּיל גרעסערען פּלאַץ די טעאָרעטישע פראַגען, ווי דאָס האָבען געטאָן אַנדערע פּאַרטייען. אויך אין אומלעגאַלע דרוקערייען האָבען מיר געזדרוקט נעבען דעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטישען מאַטעריאַל, אויך סטאַטיסטישע טאַבעלען און וויסענשאַפטליכע פּאָרשונגען וועגען דעם אידישען אומנאָרמאַלען עקאָנאָמישען, סאָציאַלען און קולטורעלען אַרבעטער-לעבען, וועגען די אידישע וואַנדערונגען, וועגען זייער צוזייטקייט און צושפּרייטקייט און וועגען דער נייטיקייט זיי צו קאָנצענטרירען אויף אַ פרייער טעריטאָריע און שאַפען אַ פרייע אידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט מיט אומבאַגרענעצטע אַנטוויקלונג-מעגליכקייטען און מיר זענען געווען שטאָלץ אויף דעם, אַז מיר האָבען אָנגעוויזען אויף די סימנים פון דער צוקונפט... און נישט נאָר אין די קליינע אומלעגאַלע דרוקערייען, וואו מיר האָבען געדרוקט אונזערע בלעטלעך און אונדזערע צייט-שריפטען, נאָר אויך נישט ווייניקער אין די קעלערס, אויף די בוידעמס, אין די ווייטע אָרימע און שמאָלע געסלעך, וואו די אידישע אַרבעטער האָבען באַ אַ שטיקעל ליכט געלעזען אונדזער ליטעראַטור,——איז געבוירען געוואָרען דער סאָציאַלי סטיש-טעריטאָריאַליסטישער אידעאַל. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שותפות׳דיקער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון דעם מחבר און דעם אַרבעטער-לעזער. און זיצענדיק אין טורמעס אין סיביר האָבען זיי געוואוסט, אַז זיי ליידען פאַר דעם סינטעטישען נרויסען היסטאָרישען אידעאַל. און מיר אַלע האָבען געפילט די באַזונדערס גרויסע אַחריות, וועלכע די געשיכטע האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט. אין אונדזער גאַנצער פּרעסע, צי זי איז דערשינען אין וואַרשאָ, צי אין קיעוו, אין ווילנע צי אין ווינען, אין טשענסטאָכאָוו צי אין לאָדז, אין פּעטראָגראַד צי אין פּאַריז, האָט זיך תמיד געפילט די דאָזיקע גרויסע אחריות. מיר האָבען תמיד פּאַרטיידיקט אונדזער פּאַרטיי און געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי זי צו מאַכען שטאַרקער און גרעסער,—אָבער מיר האָבען תמיד געפילט, אַז מיר זענען מער ווי אַ פּאַרטיי...

———————

דער געדאַנק פון דער אידישער רעוואָלוציע האָט באַגייסטערט נישט נאָר אונדז, די אַלטע „ס. ס,“ נאָר אויך אונדזער שוועסטער-פּאַרטיי, די „סיימיסטען“. אייגענטליך איין צייט, איין אידעאַל און איין גייסט האָט אונדז ביידען געבוירען, און אויף די ערשטע קאָנפערענצען זענען געווען ביידע ריכטונגען פאַרטראָטען. ווייל ביידע האָבען געוואָלט שאַפען

אַ סיִנטעז פון טעריִטאָריאַליִזם און סאָציאַליִזם.

דיִ **מיִטלען** האָבען אָבער אונדז צעשיידט, און יעדער איִז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ באַזונדערען וועג. וויִ סיִמבאָליִש איִז אָבער, אַז דיִ ערשטע אָרגאַנען פון דיִ סיימיִסטען, (דיִ רוסיִשע „וואָזראָזשדעניע", און „דיִ איִדיִשע פרייהייט") זיינען טראַנספּאָרטיִרט געוואָרען דורך אונדזערע „ס. ס.-ישע גרעניִצען", דורך דיִ זעלבע אונדזערע חברים, וועלכע האָבען טראַנספּאָרטיִרט אויך דיִ ס. ס.-ליִטעראַטור. באַזונדערע אָרגאַנען האָבען מיִר אַרויסגעגעבען, באַזונדער האָבען מיִר מאַרשיִרט, — אָבער גע'חלומ'ט און געקעמפט האָבען מיִר פאַר דיִ זעלבע איִדעאַלען. און דערפאַר האָט געמוזט קומען אַ צייט פון דער צוריִקפאַראייניִגונג פון ביידע ברודער-פּאַרטייען. נאָך איִן וויִען איִן 1909 יאָר זענען געמאַכט געוואָרען דיִ ערשטע פאַראייניִגונג-פרובען. דיִ גרויסע רוסיִשע רעוואָלוציע איִן 1917 יאָר איִז געווען דער לעצטער סיִגנאַל פאַר דער פאַראייניִגונג, און מיִר שאַפען אַ סיִנטעז פון פרייען אויטאָנאָמיִזם, פון שעפעריִשען טעריִטאָריאַליִזם און רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליִזם.

און דיִ געשיִכטע האָט געגעבען אַ גיִכען ענטפער אויף דער פאַראייניִגונג. בשעת ס'איִז אָנגעקומען דער פאַראַנטוואָרטלעכסטער מאָמענט איִן דער געשיִכטע פון איִדיִשען פראָלעטאַריאַט, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל באַקומען דיִ מעגלעכקייט זעלבסטשטענדיִק צו שאַפען עפּעס גרויסעס און היִסטאָריִשעס; דיִ איִדישע נאַציאָנאַל-פערסאָנאַלע-אויטאָנאָמיע איִן אוקראַינע, איִז הויפּטזעכליִך אַ דאַנק אונדזער „פאַראייניִגטער" פּאַרטיי און אונדזערע פּאַרטיי-חברים — דער ביִז דעמאָלט טעאָרעטיִשער און אַבסטראַקטער פּאָסטולאַט וועגען דער אויטאָנאָמיע — געוואָרען אַ לעבעדיִקער פאַקט פון דער איִדיִשער סאָציאַליִסטיִשער וויִרקלעכקייט, וועלכער האָט שטאַרק באַפרוכטעט דעם איִדיִשען פראָלעטאַריאַט. און בשעת ס'האָט זיִך געדאַכט, אַז אויך איִן ווייסרוסלאַנד קומט די צייט צו פאַרוויִרקלעכען דיִ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, זיינען עס וויִדער געווען אונדזערע חברים, וועלכע זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער באַוועגונג. און דאָס איִז ניִט קיין צופאַל, ווייל שטייענדיִק אויף דעם שטאַנדפונקט פון דער צוויִשען-מלוכה'שקייט פון איִדיִשען פאָלק, האָבען אונדזער פרעסע און אונדזערע פאַרטרעטער תמיד מוטיִג פראָקלאַמיִרט דיִ אַלוועלטליִכע סאָליִדאַריִטעט פון איִדיִשען פראָלעטאַריאַט (למשל, דיִ היִסטאָריִשע רעדע פון חבר דאַוויִדאָוויִטש איִן דער רוס. גריִנדונגס-פאַרזאַמלונג), און זיין רעכט אַליין צו באַשטימען זיין נאַציאָנאַלען גורל און זיין וויִלען (דאָס האָבען אונדזערע חברים צוזאַמען מיִט דיִ פּ. צ. דיִ ערשטע פּראָקלאַמיִרט באַלד נאָכ'ן אויסברוך פון דער רוסיִשער רעוואָלוציע איִן דעם פּעטראָגראַדער **אַרבעטער-ראַט** דאָס זעלבסטבאַשטיִמונג-רעכט פאַר דיִ איִדיִשע מאַסען).

דיִ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איִז אַ היִסטאָריִשעס פאַרדיִנסט פון אונדזער „פאַראייניִגטער" פּאַרטיי, זיִ באַדייט דעם אָנהויב פון דער איִדיִשער רעוואָלוציע. און סיי אירע טעאָרעטיִקער (למשל, דער פאַרשטאָרבענער חבר מ. ב. ראַטנער), סיי איִרע פּראַקטיִשע רעאַליִזאַטאָרס (חבר זיִלבערפאַרב און אַנדערע) האָבען תמיד אונטערגעשטראָכען, אַז דער אויטאָנאָמיִזם איִז ניִט נאָר ניִט קיין היפוך צו דעם טעריִטאָריאַליִזם, נאָר פאַרקערט, אַז דער אויטאָ-

נאָמיִזם איז דער וויִכטיִקסטער עטאַפּ אויפ׳ן וועג צום טעריִטאָריאַליִזם

אין אונדזער פּרעסע האָט זיך תּמיד באַמיִט דאָס אונטערצושטרייכען. און דער דאָזיִקער אַוואַנגאַרד־ראָלע פון איִדיִשען סאָציאַליִזם און פון. דער איִדיִשער רעוואָלוציע גיִט זיך די מי צו זיין טריי אויך „אונדזער וועג“— ניִט קוקענדיִק אויף אַלע זיינע באַשיידענע און באַגרענעצטע מיִטלען.

ווייל מיר זענען מער ווי אַפּאַרטיי...

די טאַטאַריִש־אַזיאַטיִשע צייט, ווען דער זשאַנדאַרמעריע מייסטער אָרלאָוו האָט געוואָלט שפּייען אין פּנים אַריין גוטערבערג׳ן—איז פאַרביי. גראַדע די קליִגסטע און ערפאַרענסטע שטיִצער פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט האָבען פאַרשטאַנען גראַנדיעז און קונציִק אויסצונוצען די פּרעסע. און דער געניאַלער לאָרר ביִקאָנספיִלד האָט אָפען דאָס פאָרמוליִרט: „...ווייל נאָר מיִט ווערטער באַהערשען מיִר מענשען“.

געוויס, היִנטער דעם וואָרט איז באַהאַלטען דער קאַנאָן. די „באַליידיִקטע און דערניִדריִקטע“ באַמערקען דאָס אָפט ניִט און דערפאַר מוז אויך אונדזער קאַמף זיין געווענדעט אי קעגען דעם וואָרט, אי קעגען דעם קאַנאָן. מאַרקס זאָגט דערפאַר: „דעם וואַפען פון דער קריִטיִק קאָן מען ניִט פאַרבייטען אויף דער קריטיק פון דעם וואַפען“ (ד. ה. בלויז קריִטיִק קאָן ניִט פאַרבייטען די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען.—ק.), דעם מאַטעריעלען כח מוז מען אַרונטערוואַרפען דורך אַן אנדערן מאַטעריעלען כח. אָבער אויך די טעאָריע ווערט אַ מאַטעריעלער כח, אַזוי גיך ווי זי באַהערשט די מאַסען. די טעאָריע איז פעהיִק צו באַהערשען די מאַסען, ווען זי דעמאָנסטריִרט שאַרף און בולט דעם מענטש זיין לאַגע, און זי טוט דאָס דאַמאָלס, ווען זי איז ראַדיִקאַל. ראַדיִקאַל זיין—הייסט די זאַך נעמען באַם וואָרצעל: דער וואָרצעל אָבער פאַר דעם מענטש איז דער מענטש גופא“.

איצט, אין דער צייט פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס, מוז מען אַזוי ראַדיִקאַל אַוועקשטעלען אַלע פראַגען און פּראָבלעמען. דערפאַר מוזען מיר איצט היסטאָריִשען ראַדיִקאַל אַוועקשטעלען סיי די סאָציאַלע, סיי די נאַציאָנאַלע, סיי די טעריִטאָריאַליִסטיִשע פראַגען. רייף מוז אַלזאָ זיין דער פּראָלעטאַריאַט צו זיין היִסטאָריִשער מיִסיע, עס מוז שאַרף זיין וואָפען, עס מוז ריין זיין נשמה און שאַפעריִש—רעוואָלוציאָנער זיין וואָרט.

די ראָמאַנטיִשע צייט פון די אומלעגאַלע דרוקערייען, פון דעם סודות׳פולען פאַרשטיין אונדזער פּרעסע איז פאַרביי. מער אָבער ווי ווען עס איז מוז איצט זיין הערליִש און איִדעאַליִסטיִש דער אַרבעטער־קלאַס, און באַזונדערס דער איִדיִשער, ווייל ער האָט אַ טאָפּעלטע מיִסיע צו פאַרוויִרקלעכען—ער מוז שאַפען די גרויסע היִסטאָריִש־רעוואָלוציאָנערע טאַט.

„אין אָנהויב איז געווען די טאַט“ – דאָס איז אונדזער מאָטאָ. אונדזער וואָרט מוז אים פאָרבערייטען צו דער גרויסער היִסטאָריִשער טאַט.

מ. גוטמאַן.

די ים־לאַמטערנעס.

אַז איך ווארף א בליק צוריק אויף דער געשיכטע פון אונדזערע פּאַרטייאישע פּרעסע־אויסגאַבען שטעלט זי זיך מיר פּאָר ווי אַ ריי מאַריאַקען (ים־לאַמטער־נעס), וואָס שטייען אפילו שיטער איינער פון אַנדערן, אָבער וואָס לאָזען דאָך ניט די שיף אונטערגיין צו פאַר־בלאָנדזשענען. גענוג לאַנג פלעגט אויסקומען די פּאַרטיי־שיף־ליכט זיך צו ראנגלען מיט די לעבען־כוואַליעס, מיט די פּאָליטישע ריפען (אונטערוואַסער שטיינער) און מיט דער קליינמוטיקייט אין די אייגענע רייען ביז זיי פלעגען זיך דערקלייבען צו אַ פּרעסע־מאַיאַק— אַ פּעריאָדישען אָרגאַן אָדער זאַמעלבוך. מיר דערמאָנען עס איצט אין פריידען. און מיט שטאָלץ קאָנען מיר קאָנסטאַטירען, אַז ניט קוקענדיק אויף אלע מניעות, רדיפות און סכנות איז אונדזער שיף גאַנץ געבליבען און אונדזער פאָן איז ניט אַראָפּגעלאָזען געוואָרען.

איך געדענק ווי מיר האָבען זיך אין ווילנע אין 1904־טען יאָר גע־מאַטערט מיטן ארויסגעבען אונדזער אומלעגאַלען אָרגאַן „פרייהייט״. דאָס איז געווען נאָך אין די „פּאָרהיסטאָרישע צייטען״, איידער די פּאַרטיי „ס. ס.״ האָט זיך אַלס גאַנצע געגרינדעט (יאַנואַר 1905). די איינצעלנע אָרגאַ־ניזאציעס—זיי האָבען זיך גערופען „ארבעטער־ציוניסטען״, „ציוניסטען־סאָ־ציאַליסטען״, „פּועלי־ציון״ א. א. וו.—זיינען געווען אָפּגעריסען איינע פון דער אנדערער. מיר אין ווילנע האָבען נאָך דאן קיין אייגענע דרוקעריי ניט געהאַט, און די „פרייהייט״ פלעגט ארויסגיין א העקטאָגראַפירטע, אין פאַרשיידענע קאָנספּעראַטיווע דירות. אין פאַרשיידענע טעג פלעגט מען די איינציקע בויגעלעך העקטאָגראַפירען. דאָס העקטאָגראַפירטע איז געוועןן

שווער צו לייענען, א טייל בלעטלעך פלעגט אָפט פארפאלען ווערען, און דאָס לייענען, פלעגט אָנקומען מיט גרויס מאטערניש.

איך געדיינק דעם ענטוזיאזם, וואָס עס האָט ארויסגערופען דאָס קליין רויט ביכעלע, וואָס איז ארויס אין מאי 1905—די „דעקלאראציע" פון דער אָקאָרשט געגרינדעטער פארטיי „ס. ס." שנעל ווי א בליץ האָט זיך די ידיעה פארשפרייט צווישען די חברים; אין עטליכע שעה איז געווען אָר־גאַניזירט און רוזעלער וואלד א „מאסאָווקע" פון א פאָר הונדערט מאן. אהין איז געבראכט געוואָרען דאָס טייערע לאנג דערוואַרטעט ביכלעע, וואָס האָט געבראכט די בשורה וועגען דעם באשאפען א פארטיי־אָרגאניזם פון די פריער צעוואָרצענע גלידער. די דעקלאראציע איז געלייענט געוואָרען בקול רם, די מאסע האָט געשלונגען יעדעס וואָרט און עס האָבען זיך געגאָסען בעגייסטערטע רעדעס.

איך געדיינק ווי אין נאָוועמבער 1905 איז אָנגעקומען קיין ווילנע דער 1־טער נומער פון „אידישען פראָלעטאריער". די שמחה איז געווען ניט צו באשרייבען. דער גרויסער זאל „פאַסאזש" איז געווען געפאקט פון חברים און סימפאטיקער. ארום דעם חבר, וואָס האָט פאָרגעלייענט די אר־טיקלען פון אָרגאַן, האָט זיך פון זיך אליין אויסגעבילדעט א מין ערען־וואַך. וועלכע האָט מיט רעוואָלווערען אין די הענט „געזיכערט" די זיכער־קייט פונם טייערען העפט און פון זיין פאָרלענער. די באגייסטערונג פון די חברים האָט אָנגעשטעקט די געסט, און עטליכע צענדליק נייע פארטיי־מיטגלידער האָבען זיך אויף דער דאָזיקער פארזאמלונג דעקלארירט.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם ערשטען בלי־פעריאָד פון דער פאַרטיי און פאַרטיי־פרעסע. ווען עס איז אַרויס „דער נייער וועג", „דאָס וואָרט" און „אונדזער וועג" (1906—1907) באַלד איז אָבער די רע־וואָלוציאָנערע ליכט אויסגעלאָשען געוואָרען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען די פינצטערע רעאַקציאָנערע־יאָרען 1908 — 1916. די פעריאָדישע אָרגאַנען האָבען ניט געקאָנט אַרויסגיין. מע האָט אַרויסגעגעבען 2 זאַמעלביכער „דער שטראַל" און—האַלט!

וויפיל פרואוון מיר האָבען ניט געמאַכט אַרויסצוגעבען ליטעראַטור—לעגאַלע אָדער אומלעגאַלע—האָט עס צו גאָר ניט געבראַכט. די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי זיינען געווען צעוואָרפען איבער פאַרשיידענע שטעט, די רעדאַקציע איז געווען אין קיעוו, דאָס אויספיר־ביוראָ—אין וואַרשע אָדער האָמעל, קאָמוניקירען זיך איז געווען שווער: אחוץ נסיעות איז קיין געלט ניט געווען און די קאָרעספאָנדענץ פלעגט איבערגעכאַפט ווערן דורך דער „אָכראַנע". די מאַסען זיינען געווען אַפּאַ־טיש, די אינטעליגענץ האָט זיך אָן איר גרעסטער מערהייט אומגעקערט צו אירע פריוואַטע אידעאַלען מיטן רוקען, די פּאָליטישע רעפרעסיעס פלעגען צעשטערען יעדען פרואוו עפּעס צו טאָן. צענדליקע מאָל פלעגען מיר אָנהויבען אָרגאַניזירען דאָס אַרויסגעבען ליטעראַטור און נאָר איין מאָל (ניט רעכענענדיק די אויסלענדישע „פריילאַנד" און „מאָרגען") האָט זיך אונדז איינגעגעבען אַרויסצוגעבען אַ זאַמעלביכעל „צוקונפט" (אַווגוסט 1913).

אין יולי 1914 האָט שוין געדאַרפט אין קיעוו אָנהויבען אַרויסגיין אַ

מאָנאַטליכער זשורנאַל, עס זיינען שוין געווען ליטעראַרישע מאַטעריאַלען, אַן ערלויבעניש, אַ דירה פאַר דער רעדאַקציע, געווען צעשיקט פּראָספּעקטען א. אַז. וו. נאָר דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער הימעל האָט זיך פּלוצלונג פאַרכמאַרעט מיט מלחמה־וואָלקענס, עס האָט דערלאַנגט אַ שרעקלעכען דונער—און פון דעם גאַנצען פּלאַן איז גאָר ניט געוואָרען.

נאָר אָט זיינען אַריבער די דריטהאַלבען פינצטערע יאָר—און דער רעוואָליוציאָנערער שטורעם־ווינט האָט צעטריבען די מלחמה־כמאַרעס. עס האָט אויפגעשיינט די זון פון פּרייהייט. עס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אויך אונדזער פּרעסע.

אין פּעטערבורג האָט אָנגעהויבען אַרויסגיין דער „יעווריעסקי פּראָלעטאַרי"; באַלד נאָך דעם אין קיעוו „דער אידישער פּראָלעטאַריער" און שפּעטער אַ ריי אָרגאַנען אויף אידיש און אויף רוסיש און אַ גאַנצע ריי פּראָווינציעלע שטעט (אָדעס, האָמעל, כאַרקאָוו, קאַטערינאָסלאַוו און אַנד.). די גרויסע צייט האָט אָבער געפאָדערט גרויסע מעשים און—קורץ נאָך דער פאַראייניגונג פון די ס. ס. מיט די י. ס.—איז מען צוגעטרעטען צום אַרויסגעבען די „נייע צייט", די זינט דער רעוואָלוציע ערשטע יודישע סאָציאַליסטישע צייטונג אין גאַנץ רוסלאַנד און ערשטע צייטונג אין אוקראַינע.

די „נייע צייט" אויסער וואָס זי איז געווען אַ פּאַרטיי־צייטונג איז זי געווען אַ גרויסע רייכע קולטורעלע סאָציאַליסטישע צייטונג בכלל. זי איז געווען טייער ניט נאָר באַ די „פאַראייניגטע", נאָר באַ דער גאַנצער אידישער באַוואוסטזיניקער אַרבעטערשאַפט און סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. און נאָר דער אַוואַנטיוריזם פון איינע און די לייכטגלויביקייט פון די אַנדערע, וואָס האָבען געבראַכט צום אָפּשפּאַלטען פון דער פּאַרטיי איר לינקען פליגעל האָבען אויך געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דער „נייער צייט".

נאָר צו־גרויס איז די לעבען־קראַפט פון אונדזערע אידייען, אז אונדזער שטימע זאָל קאָנען דערשטיקט ווערען,

די סאָציאַלע רעוואָלוציעס אין מזרח־און מיטעל־איירָאָפּע האָבען גלענצענדיק באַשטעטיקט אונדזער סאָציאַל־דעמאָקראַטישען ענטפער אויף דער אַרבעטער־פראַגע. די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס—די צעפאַלונג פון די געמישט־נאַציאָנאַלע מלוכות און דאָס ענטשטיין פון ריין־נאַציאָנאַלע—האָבען ניט ווייניקער גלענצענדיק באַשטעטיקט אונדזער טעריטאָריאַליסטישען ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע; די לאַגע און ראָליע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען האָבען באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון אונדזער אַווטאָנאָמיזם.

שטאַרק מיט אונדזערע הויכע אידעאַלען, האָבען מיר אונדזער קול אַלץ ווידער און ווידער אויפגעהויבען. פונקט ווי דער פעניקס וואָס נאָכן פאַרברענט ווערען ווערט ער צוריק באַשאַפען פון זיין אייגענעם אַש, אַזוי ווערט דאָ און דאָרטען ווידער אויפגעהויבען די אידיש־פּראָלעטאַרישע פאָן פון סאָציאַליזם און נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט. אָפּגעשניטען דורך די פראָנטען איינער פון אַנדערען האָבען מיר אויפגעשטעלט אין פאַרשיידענע טיילען פונם געוועזענעם רוסלאַנד נייע לייכט־טורעמס, וואָס וואַרפען ליכטיקע שטראַלען און באַלייכטען אונדזער וועג, דעם אידיש־פּראָלעטאַרישען וועג, פ אָ ר ו י ס, צום סאָציאַליזם, טעריטאָריאַליזם און אַווטאָנאָמיזם.

די „פאַרייניגטע“ אין די אידישע ארבעטער־באוועגונג.

די סאָציאַליסטישע פראַקטיק און טאַקטיק האָבען אונדז געלערענט, ־ אַז די סאָציאַליסטישע טעאָרעטישע הנחות קאָנען נישט גלייך און אויף דעם זעלביקען אופן אָנגעווענדעט ווערען אין אַלע צייטען, אין אַלע לענדער און באַ אַלע פעלקער.

די סאָציאַליסטישע פראַקטיק האָט אונדז באַוויזען, אַז די מעטאָדען פון קלאַסענקאַמף באַ די פאַרשידענע פעלקער מוזען זיין צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען, אין וועלכע די פעלקער לעבען און צו דער ראָליע, וואָס זיי שפּילען אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען וועלט־מאַרק.

און טרעטען מיר צו צו באַטראַכטען דעם אידישען סאָציאַליזם פון דעם דאָזיקען שטאַנדפּונקט, מוזען מיר זאָגען, אַז די ערשטע ראָליע האָבען דאָ געשפּילט די פּאַרטיי־טיילען פון די איצטיקע „פאַרייניגטע“ (די געוועזענע ס. ס. און סיימיסטען), וועלכע דער גורל האָט איצט צוזאַמענגעבינדען אין איין פּאַרטיי.

איך וויל דאָ נישט צונעמען די פאַרדינסטען פון די פּועלי־ציון פאַר דער אַנטוויקלונג פון אידישען סאָציאַליסטישען געדאַנק. געוויס האָבען זייערע טעאָרעטיקער גענוג באַרייכערט און באַפרוכפערט די אידישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. צו די גרונט־יסודות אָבער פון אידישען סאָציאַליזם, וואָס באַשטייט אייגענטליך פון דער באַגרינדונג פון פּראָלעטאַרישען טעריטאָריאַליזם און זיין דערגאַנצונג — דעם אויטאָנאָמיזם, האָבען זיי ווייניק וואָס צוגעגעבען, ווייל סיי דער פּראָלעטאַרישער טעריטאָריאַליזם, סיי דער אויטאָנאָמיזם, זענען שוין פריער פון די דערמאָנטע צוויי פּאַרטייען באַגרינדעט

געוואָרען.

עס האָבען נישט געהאָלפען די עקשנות'דיקע פּרובען פון „בונד" צו ניהיליִרען, מבטל צו זיין די ספּעציעלע אידישע פּראָבלעמען, וואָס די דערמאָנטע צוויי פּאַרטייען האָבען אַרויסגעשטעלט, עס האָבען נישט געהאָלפען די אָנשטרענגונגען פון די בעסטע בונדישע „טעאָרעטיקער" צו פאַרפלאַנצען דעם אידישען סאָציאַליסטישען געדאַנק און צו פאַרשמעלען דעם האָריזאָנט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די לאָזונגען פון אידישען סאָציאַליזם האָבען געווירקט ווי אַ כשוף-וואָרט אויף די אידישע מאַסען און אין משך פון אַ, לפי ערך, קורצער צייט איז די דערמאָנטע פּאַרטייען—און דאָ מוז מען געבען די בכורה די ס. ס.—געלונגען צו זאַמלען אַרום זייערע פענער ברייטע אידישע אַרבעטער-מאַסען.

און כאַראַקטעריסטיש, ווען מען גייט צוריק צו דער געשיכטע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איר צושטאַנד אין רוסלאַנד אין יאָר 1907–8 וועט מיר, אַז די ס. ס. איז דעמאָלט אין צאָל, נישט קיין סך אָפּגעשטאַנען פון בונד (די ס. ס. האָט דעמאָלט געציילט 25000 און דער „בונד" 35000 מיט.) ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דער „בונד" איז מיט 6 יאָר פריער אַנשטאַנען און איז געווען די ערשטע ארבעטער-פּארטיי אויף דער אידישער גאַס און אז דער נאַציאָנאל-סאָציאליסטישער געדאנק איז נאָך דעמאָלט געווען אין זיינע וויקעלעך, מוז מען זאָגען אז דאָס איז געווען אַ געוואַלדיקער נצחון פונם ~~נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישען און כלליכעל~~ דעם פּראָלעטאַרישע-טעריטאָריאַליסטישען געדאַנק. דאָס איז דער בעסטער באַווייז ווי ווייט די לאָזונגען פון פּראָלעטאַרישען טעריטאָריאַליזם זיינען צוגעפּאַסט צו די אינטערעסען פון די ברייטסטע אידישע מאַסען.

קוקט מען זיך אָבער צו צו דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איצטיקען מאָמענט, מוזען מיר זאָגען, אַז זי איז אין אַ–געוויסער מאָס צוריקגעגאַנגען צו דער אַמאָליקער פּרימיטיוו-קאָסמאָפּאָליטישער, „איסקריש"-*) ס. ד.-ישער אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם.

און דאָ קומט פאָר אַ מאָדנע זאַך. אויב פריער, למשל, האָבען די בונדישע פירער, אונטער דעם דראַנג פון די מאַסען געמוזט ווייטער גיין אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, איז איצט פונקט פאַרקערט—מוזען זיך די בונדישע פירער באַגרענצען אין זייער שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע צוליב דעם דרוק פון די בונדישע מאַסען. אויף דער דאָזיקער דערשיינונג איז זיך כדאי אָפּצושטעלען.

הייסט דאָס אָבער, אַז די אידישע מאַסען האָבען דערזען זייער טעות, אַז ~~די לאָזונגען, וואָס זענען אַ פּועל יוצא פון דעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישען געדאַנק~~ די לאָזונגען, פון טעריטאָריאַליזם און דעם ברייטען אויטאָנאָמיזם, אַנטשפּרעכען ניט זייערע טעגליכע נויטען?

לחלוטין ניט.

די געשיכטע האָט געטאָן דאָס איריקע. אין די 1905–1908 זענען

---

*) „איסקראַ"—דער צענטראַל-אָרגאַן פון דער רוסל. ס. ד. פּאַרטיי פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר, וועלכער האָט בנוגע דער אידען-פראַגע פאַרנומען אַ שאַרף-אַסימילאַטאָרישע פּאָזיציע. (די רעדאַקציע)

די ספּעציעלע פּראָבלעמען פון אידישען אַרבעטער-לעבען געווען באַזונדערס בולט. די פראַגע פון עמיגראַציע איז געווען באַזונדערס אַקטועל ניט נאָר ווייל די אידישע מאַסען האָבען געפילט אַ באַדערפעניש, אַ נייטיקייט צו עמיגרירען, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס עס איז פאַקטיש געגאַנגען אַ ריזיקער עמיגראַציע-שטראָם. און צוליב דעם, וואָס דער דאָזיקער שטראָם איז געגאַנגען אויף אַזאַ אופן, וועלכער האָט לחלוטין ניט באַפרידיקט די עלעמענטאַרישע פאָדערונגען פון דער עמיגראַציע, איז אַקטועל געוואָרען די פראַגע פון רעגולירען די עמיגראַציע און אַריבערפירען איר אויף קאָאָניזאַציע. דאָס איז געווען דער גרונט-שטיין פון פּראָלעטאַרישען טעריטאָריאַליזם, און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט אַרויסגערופען אַזוי פיל באַגייסטערונג באַ די אידישע מאַסען.

די מלחמה און רעוואָלוציע האָבען אָבער די לאַגע אין גאַנצען געענדערט. פון איין זייט האָט די מלחמה אוממעגלעך געמאַכט יעדע אַרט עמיגראַציע. פון דער צווייטער זייט האָט די רוסישע רעוואָלוציע געוועקט נייע אילוזיעס, באַ די אידישע אַרבעטער מאַסען. זיי האָסען אָנגעהויבען צו גלויבען אַז מיט דעם זיג פון דער רעוואָלוציע ווערען מאָמענטאַל ווי דורך אַ כּשוף פאַרענטפערט אינגאַנצען זייערע ספּעציפישע נאַציאָנאַלע נויטען און דער עיקר, זי שאַפט אינגאַנצען אָפּ די נייטיקייט פון עמיגראַציע.

אויף וויפיל דאָס זענען באמת געווען בלויז אילוזיעס באַווייזט טאַקע די רוסישע רעוואָלוציע גופא. זי האָט ניט נאָר ניט פאַרקלענערט די עמיגראַציע-נייטיקייט פון די אידישע אַרבעטענדיקע-מאַסען, נאָר פאַרקערט, זי האָט זי נאָך פאַרגרעסערט.

די לאַגע הייבט אָבער אָן אָנצונעמען איר נאַטירליכע ווענדונג. די מלחמה, וויינינקסטענס, אין איר פריערדיקער מאָס, ליקווידירט זיך. די ברייטע אידישע מאַסען, וועלכע קאָנען שוין ניט איצט פאַרענטפערען אַלע זייערע צרות מיט דעם שרעקליכען וואָרט „מלחמה" הייבען אָן צו פילען אַלץ מער און מער ווי דער עקאָנאָמישער באָדען גליטשט זיך, אין אַלע לענדער פון מזרח-אייראָפּע, אַרויס פון אונטער זייערע פיס.

די צו גרויסע האָפנונגען אויף די באַלדיקע ישועות מצד די רעוואָלוציעס אין מזרח-אייראָפּע האָבען זיי אין אַ געוויסער מאָס אַנטוישט און אין דער לופט פון אידישען לעבען שוועבט שוין דאָס שרעקליכע וואָרט. „וואוהין"?

די פראַגע ווערט נאָך איצט שרעקליכער, צוליב דעם וואָס די איינוואַנדערונג-מעגליכקייטען ווערען, אפילו בא דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון דער מלחמה, ווערען אַלץ קלענער.

צו געפינען אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער—איצט מער ווי אַלע מאָל—אָנגעווייטאָגטער פראַגע, איז די אויפגאַבע פון אונדזער פּאַרטיי און אָן דעם איז אָפּהענגיק איר ווייטערדיקע עקסיסטענץ, איר ווייטערדיק פאַרנעמען דעם בכבוד'יקען אָרט אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס די געשיכטע האָט איר באַשערט.

י. גאָרדין.

טענות פון אונדזערע קעגנער.

די „פאַרייניגטע“? דאָס זענען דאָך „ציוניסטען“, זיי ווילען דאָך אַ טעריטאָריע, און זיינען אויטאָנאָמיסטען (און דווקא מיט שפּיטאָלען און מושב־זקנים'ס). זיי זענען דאָך „נאַציאָנאַליסטען“, כעפאַרצאַרטלטען, וואָס טיילען זיך נאָך פון דעם לאַנד־פּראָלעטאַריאַט. זיי זענען אוטאָפּיסטען. און וואָס ווילען זיי אייגענטליך?“

יאָ. ווער זענען זיי און וואָס ווילען זיי?

ס'זענען דאָ מענטשען, וועלכע וואַרפען אונדז פאָר, אַז מיר שטאַמען פונם ציוניזם. אָבער יעדע סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון יעדען פאָלק איז דאָך אַ פּראָדוקט פון דער אַנטוויקלונג פון דעם געזעלשאַפטליכען געדאַנק פון דעם פאָלק, וואָס זיינע וואָרצלען ליגען אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. מיט דעם זעלבען רעכט קען מען זאָגען, אַז מיר „שטאַמען“ פון הסידיזם, השׂכּלה א. א. וו. עס איז געווען אַ צייט, ווען דער ציוניזם איז באמת געווען פּראָגרעסיוו און דעמאָקראַטיש, בשעת ער האָט געוואָרפען אין אידישען פאָלק, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבען זיך אויפצוכאַפּען צו אַ נייעם לעבען, די לאָזונגען פון אויטאָעמאַנציפּאַציע, פון זעלבסטבאַפרייאונג און „קיבוץ גליות“ אָנשטאָט דער בורזשואַז־אַסימילאַטאָרישער עמאַנציפּאַציע און גלייכבאַרעכטיקונג. און ווען מיר שטאַמען פונם ציוניזם, דאַן שטאַמט אי מאַרקס אי ענגעלס פון די בורזשואַזע רייען, און דעמאָלט שטאַמט יעדע סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון דער בורזשואַזער.

און זאָל אונדז דאָ ערלויבט זיין צו פרעגען: צו שטאַמט ניט דער בונדיזם אָדער „איסקריזם“ (און אין פּוילען דער אידישער קאָמוניזם) פון דער בורזשואַז־משכּילישער אַסימילאַציע־אידעאָלאָגיע? עס איז אָבער פאַר־

אַן אַ חילוק צווישען אונדז און זיי: מיר—זעענדיק ווי דער ציוניזם זינקט אַלץ מער אין זומפּ פון דער קליינבירגערלעכער רעאַקציע, האָבען אַלע פעדים צעריסען מיט איִם, האָבען רעוואָלוציאָניזירט דאָס טיילכעל היסטאָרי־שען אמת, וואָס ער האָט אין זיך אַנטהאַלטען אַזוי, אז מיר זענען געוואָרען פונקט דער היפוך פון ציוניזם—און דער „בונד" האָט כמעט אומבאַריִרט איבערגעלאָזען דעם בורזשואַז־משכּילישן בליק אויף דער נאַציאָנאַלער־פראַגע.

אָבער, איר זייט דאָך אויך „נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט ע ן" און זוכט אַ טעריטאָריע?

נאָר ס'ווענדט זיך אָן דעם וואָס מ'פאַרשטייט אונטערן וואָרט „נאַ־ציאָנאַליזם". איז מען דערמיט אויסען צו זאָגען, אַז דער קיום־האומה איז דער עיקר, אַז אַלץ וואָס מיינס איז ממילא גוט, אַז „כל ישראל חברים"—דאַן זענען מיר די שאַרפסטע שונאים פון נאַציאָנאַליזם. איז מען אָבער מיט דעם „נאַציאָנאַליזם" אויסען צו גאַראַנטירען דעם אידישען פאָלק צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער דאָס רעכט און די מעגלעכקייט פון א פרייער אומבאַשרענקטער אנטוויקלונג אין די גרענעצען פון דער פרייער סאָציאַליסטישער פעלקער־פעדעראַציע, דאַן נעמען מיר דעם חטא אויף זיך, דאַן זענען מיר „נאַציאָנאַליסטען", אָבער די וועלכע אונטערשטיצען נישט דעם דאָזיקען „נאַציאָנאַליזם" זענען פאקטישע מיטהעלפער פון די אימפּער־יאַליסטען, כּאַרגוואַלטיקטער פון פעלקער־פרייהייט און האָבען מיט דעם אינ־טערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם קיין שום שייכות נישט.

וואָס אָנבעלאַנגט דער טעריטאָריע־זוכעניש, איז דאָס אַ מיספאַרשטענ־דעניש. אין אמתען ווילען מיר פאַרענטפערן די אידישע אַרבעט־און וואנדערונג־פראַגע. און דערין איז נאָר דער אידישער פּראָלעטאַריאַט צום שטאַרקסטען פאראינטערעסירט, ערשטענס, דערפאַר, ווייל ער ליידט דער־פון אַם שטאַרקסטען, צווייטענס, ווייל אין דער עמיגראַציע דריקט זיך אויס די באַדערפעניש און שטרעבונג פון די ברייטע מאַסען פון אידישען פאָלק אַריבערצוגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט און ממילא צום פאַרשטאַר־קען די רייען פון אידישען פּראָלעטאַריאַט.

אין דער פראַגע ווייזען זיך זייער שארף ארויס די קלאַסען־קעגענזאַ־צען אין דעם אידישען פאָלק. אין דער צייט, ווען די אידישע גרויס־בורזשואזיע איז פאראינטערעסירט די עמיגראַציע צו צעזייען, ווען די אידישע מיטעל־בורזשואזיע וויל נאָר אויסנוצען די עמיגראציע אלס אגי־טאציע־מיטעל פאר דער מצוה פון „ישוב ארץ־ישראל", גאָר נישט זאָרגענ־דיק וועגען דעם גרויכען עמיגראציע־שטראָם,—זענען די אידישע ארבעטער־מאסען פאראינטערעסירט, אז די עמיגראציע אין איר גאנצער גרויס זאָל רעגולירט ווערען אויף אזאַן אופן, אז זי זאל אמבעסטען פארענטפערען דאָס ארבעט־פּראָבלעם אין דעם אידישען לעבען, און דאָס איז מעגליך בלויז דורך אן איבערגאנג צו קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאציע אין א בריי־טען טעריטאָריאלען מאסשטאב.

די פראגע וואו וועט געשאפען ווערען דער דאזיקער נייער קאָנ־צענטרירטער אידישער ארבעט־ישוב, איז ווייט נישט די וויכטיקסטע פּרא־גע, ווייל מיר האָבען זיך ניט געמאכט קיין אָפּגאָט פון א וועלכען עס איז

ספעציעלען לאַנד. מיר דארפען אן ארט, וואו די אידישע וואנדער=מאסען זאָלען קאָנען, אריבערגיין צו פראָדוקטיווער ארבעט, ניט שטייענדיק אין דער ריזיקע ווידער ארויסגעשטויסען צו ווערען. און דאָס לאַנד וואָס וועט אין א גרעסערער מאָס זיין צוגעפאכט צום דאָזיקען ציל, וועט ממילא צוציען די גרעסטע צאָל אידישע וואַנדערער.

אָבער צי קען דאָס דערגרייכט ווערען דורך דעם קלאסען=קאמף פון אידישען פראָלעטאריאט? טענהט מען צו אונדז. אויף דעם ענטפערן מיר אויך מיט א קשיא: נו, און אז מ׳שאפט אן ארבעטער=קאנסום=פאריין אָדער א פראָדוציר=קאָאָפּעראטיוו — איז דאָס אויך „קלאסען=קאמף"? אויב יאָ, דאן מיט וואָס זענען אידישע קאָנצענטרירטע ערד=ארבעטער=קאָאָפּעראטיוון נישט קיין „קלאסען=קאמף"? נאָר דער תירוץ איז, אז כיי קאָאָפעראַטיוון, סיי אונדזער טעריטאָריאליסטישע קאָלאָניזאציע=ארבעט, סיי די פראָלעטארישע קולטור=ארבעט א. ד. גל. איז ניט קיין דירעקטער קלאסען=קאמף, נאָר גיכער א קלאסען=בויאונג, א שאפונג פון העכערע לעבענ=פאָרמען.

די לעזונג פון דער אידישער וואנדערונג=פּראָבלעם דורך דער קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאציע (אגב, מיטן גריגדען לאנדווירטשאפטלעכע קאָאָפּעראטיוון און קאָמינעס פאר ארבעטלאָזע פארנעמט זיך אויך אפילו די רוטישע ראטען=מאכט) איז אין די אינטערעסען פון פראָלעטארישען קלאסען=ציל, און דערפאר מוז דער אידישער פּראָלעטאריאט איבערנעמען אין זיינע הענט די ארבעט, זאָגען דאָ זיין וואָרט, ווארום אויב נישט, וועט די אידישע בורזשואזיע די ארבעט טאָן אויף איר שטייגער.

גראָד מיר די „פאר־יניגטע" פירען דעם קלאַסען׳קאמף פון אידישען פראָלעטאריאט אויף אלע פראָנטען. מיר געדיינקען אָבער, אז דער אידישער פּראָלעטאַריאט איז נישט בלויז אַ טייל כון לאנד=פראָלעטאריאַט, נאָר ער איז אויך א טייל פון צווישען=מלוכה׳דיקען אידישען פאָלק. און מיר באקעמפען די אידישע בורזשואזיע אויף אלע געביטען.

און גראָד אין די אינטערעסען פון דעם אידישען = פּראָלעטארישען קלאסען=קאמף זיינען מיר אויך ברייטע אווטאָנאָמיסטען, און באגנוגענען זיך נישט מים קיין קולטור=אויטאָנאָמיע ווי דער „בונד". מיר ווילען שאפען די נאציאָנאל = אויטאָנאָמישע מלוכה=אָרגאַניזאציע פון דעם אידישען פאָלק — און אודאי וועלען מיר שטרעבען, אז אין דער אידישער אויטאָנאָמיע, פונקט ווי אין דער גאַנצער מלוכה, זאָל די מאכט זיך געפינען אין די הענט פון פּראָלעטאריאט, וואָס זאָל ארומנעמען אלע נויטען און באדערפענישען פון די אידישע מאסען, וואָס וואקסען ארויס פון דער באזונדערקייט פון דער אידישער לאגע. בלויז אין אזא אויטאָנאָמיע וועלען מיר קאָנען איינצוימען די אידישע בורזשואז=פילאנטראָפּישע פּאָליטיק אויפן געביט פון סאָציאלער הילף, עמיגראציע, קאָלאָניזאציע וואָס זיינען ניט ווייניקער וויכטיק פאר דעם אידישען פראָלעטאריאט, ווי די קולטור=פראגע און אין וועלכע די באזונדערקייטען פון אידישען לעבען ווייזען זיך ניט ווייניקער ארויס. נאָר דער הויפּט=חילוק צווישען אונדזער אויטאָנאָמיע און דער בונדישער קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז נישט אין דער קאָמפּעטענץ, נאָר אין פארנעם און אין ציל. זיי זיינען מיט דער אויטאָנמיע אויסען בלויז אויסצומיידען נאציאָנאלע רייבונגען אין דער מלוכה, מיר, זענען א חוץ

דעם- און דער עיקר-אויסען, צו גאראנטירען דעם אידישען פרייען ארבע=
טענדיקען פאָלק, פון מאָרגענדיקען טאָג—די מעגלעכקייט פון א פרייער אומ=
געשטערטער אנטוויקלונג. און ווייל מיר זענען איבערצייגט להיפוך צום
בונד וואָס איז „נייטראַליסטיש"- אז אונדז שטייט פאָר אין דער סאָציאליס=
טישער געזעלשאפט צו לעבען צוזאמען מיט אנדערע פרייע פעלקער און
ניט אונטערצוגיין, ווילען מיר שאפען אזעלכע לעבען=פאָרמען אידי=
שען פראָלעטאריאט, אז ער זאָל האָבען ניט בלויז דיזעלבע רעכט, נאָר
זאָל זיך אויך געפינען אין גינסטיקע באדינגונגען אויף צו אנצוויקלען אלע
זיינע כוחות.

דערפון איז צו זעען, אז אונדזער אויטאָנאָמיזם איז די איינציקע גאַ=
ראַנטיע פאַר אַ פרידליכען צוזאַמען=לעבען און צוזאַמען=אַרבעטען מיט די
פראָלעטאַריער פון די לענדער, וואו מיר וואוינען. זאָל דער אָרטיקער
פראָלעטאַריאַט פאַר אונדז די דאָזיקע רעכט ניט אָנערקענען, וועט ער
בלויז פאַרשטאַרקען די בורזשואַזע פאָזיציעס.

דערפאַר פירען מיר טאַקע אַ אומקאָמפּראָמיסלעכען קאַמף אין די
פראָלעטאַרישע רייען גופא פאַר דער אָנערקענונג פון אונדזערע נאַציאָנאַ=
לע רעכט. און אויב היינטיקען טאָג ווילען ניט ניט די פּ. פּ. ס.—ניט די
קאָמוניסטען אָנערקענען אונדזערע אויטאָנאָמישע פאָדערונג, זענען דאָס זיי די
יעניקע וואָס גראָבען אַ תהום צווישען אידישען און פוילישען פראָלעטאַריאַט
און ניט מיר. און אויב בונדישע אידישע סאָציאַליסטען פאַרשווייגען די
נאַציאָנאַלע פראגע צוליב דרכי=שלום, טוען זיי דערמיט אַ בערישע טובה
דעם אידישען פראָלעטאַריאַט.

ביי יעדער געלעגענהייט רופען מיר די אידישע פראָלעטאַריער צו אַ
געמיינשאַפטלעכען סאָלידאַרישען קאַמף מיט די ניט=אידישע פראָלעטאַריער,
אָבער נאָר ווי גלייכע מיט גלייכע ווילען מיר שטיין אין די רייען.

די „פאַראייניגטע" איז די פאַרטיי, וואָס פאַסט צו די סאָציאַליסטישע
לערע צו די באַזונדערע לעבען=באַדינגונגען פון אידישען פראָלעטאַריאַט.

די „פאַראייניגטע" שטרעבען איינצוועבען דעם אידישען פאָלק אין
סאָציאַליזם, פאַרוואַנדלען דעם אידישען פאָלק פון היינט אין אַ פרייען אי=
דישען, קאָלעקטיוו=שאַפענדיקען אַרבעטער=פאָלק.

די „פאַראייניגטע" פירען דעם קלאַסען=קאַמף פון אידישען פראָלעטאַר=
יאַט אויף אַלע געביטען.

די פאַראייניגטע" רופען דער אידישען פראָלעטאַריאַט מיטצוהעלפען
דעם זיגרייכען גאַנג פון דער סאָציאַלער=רעוואָלוציע, שטרעבענדיק דורך
אומקאָמפּראָמיסליכען קלאַסען=קאַמף איבערצובויען דאָס לעבען בכלל און
דאָס אידישען לעבען בפרט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אונדזער אויטאָ=
נאָמיזם און אונדזער טעריטאָריאַליזם זענען מיטלען צו גאַראַנטירען פאַר
דעם אידישען פראָלעטאַריאַט די אַלע ברכות, וואָס דער סאָציאַליזם וועט
רער מענטשהייט ברענגען. דאָס וועט אים פאַקטיש אַוועקשטעלען אין דער
ניט גאָר ווייטער מלוכה פון סאָציאַליזם, ווי אַ גלייכען צווישען גלייכע.

אָט דאָס ווילען, אָט פאַר דעם קעמפען די „פאַראייניגטע".

י. פאַט.

ווערטער.

אַמאָל האָבען די אַלטע מקובלים דער־ציילט. היילּיקע אותיות, פלאַמיקע קלאַנגען, ווער־טער לּיכטיקע, ווי שטע־רען, אותיות־פונקען, ווערטער, ווי בליצען, שוועבען אום שוין צייט דורות און חלל פון דער וועלט...

און ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען פון די פונקען וועט אַ פלאַם ווערען, פון די שטערען וועט אַ זון ווערען, פון די אותיות־ווערטער, פון די ווערטער — אַ בשורה:

— עס קומט די גאולה...

אַזוי האָבען די מקובלים דערציילט.

און דערווייל זיינען די ווערטער און דער לשון פון דער וועלט פסול׳ע, פאַלשע, גע־נאַרטע —

און ס'האָט זיך ניט קיין מקובל דערוואַרט צום אמת'ן וואָרט — און איך —

איך בין ניט קיין מקובל. מיין טאַטע האָט אין בלאָז־זאַק אין זיין קוזניע געבלאָזען, מיין מאַמע האָט אירע שוואַרצע האָר געפלאָכטען און אין פאַבריק לידער געזונגען —

און איך האָב אויך געזוכט דאָס וואָרט.

יענץ וואָרט, וואָס זיינע קלאַנגען רייסען זיך אַרויס, ווי פלאַמען, אין רוים פון דער וועלט —

יענץ וואָרט, וואָס זיינע קלאַנגען האָבען אויסגעקלונגען מיליאָנען שמידען, ווי מיין טאַטע, מיט זייערע האַמערס אין די קוזניעס פון גאָר דער וועלט...

יענץ וואָרט, וואָס עס האָבען אויסגעטרוימט טויזענט זייגערינס אין די פאַבריקען, ווי מיין מאַמע...

יענץ וואָרט, וואָס זיינע קלאַנגען קנאַלען אויף פון אַלע וועגען און פעלדער פון גאָר דער וועלט...

איך האָב געזוכט די קלאַנגען, פון וועלכע עס גיסען זיך די ווער-טער, די ווערטער פון דער ליכטיקער בשורה, די ווערטער די העלע, ווי אונד-זער טרוים, די ווערטער די וואַרימע, ווי אונדזער האַרץ.

וואו זיינען זיי?

יענע ווערטער, וועלכע זאָלען שפּיגלען אין זיך ווייען און חלומות פון אַ מיליאָן יאָרען, וועלכע זאָלען לייכטען מיט מיליאָנען אויגען פון קינדער האַרציקע און אָרימע, פון מאַמעס שטילע און הייליקע, פון שוועס-טערס זויבערע און געפייניקטע...

וואו זיינען יענע ווערטער, וועלכע רייסען זיך פון פינסטערע תהומות און שפּאַלטען די הימלען?...

וואו זיינען יענע ווערטער, וואָס זייערע קלאַנגען טראָגען מיליאָנען יאָרען, מיליאָנען שקלאַפען, שקלאַפען פון דער וועלט?

און ווערטער טרייע, ווערטער האַרציקע, און ווערטער אייגענע, וואַרימע...

און אַרום זיך הערסטו נאָר דאָס הייזעריקע שעפּטשען פון שרצים און פרעש —

און אַרום זיך הערסטו נאָר דאָס פאַלשע גריזלצען פון אַן ערב-רב— זיי נאַרען און גענאַרען, זיי פירען און פאַרפירען. א פסול'ער, אַ פאַל-שער, אַ ברודיקער...

און זייערע ווערטער קלינגען איבער דיין וועג און באַגלייטען דיך צו אייביקער רו, און זאָגען נאָך דיר קדיש...

און דו גארסט, און די בענקסט, און דו זוכסט נאָך יענע ווערטער, וועלכע קומען ווי ברידער, יענע ווערטער, וועלכע פרייען זיך ווי שוועסטער, יענע ווערטער, וועלכע לאַכען ווי קינדער —

און זאָלען זיך דערהערען דורך זיי אונדזערע חלומות, זאָלן שיינען אין זיי טויזענט זונען פון נייען וועלטען, זאָלען זיך בויען פון די ווער-טער מאָנומענטען ביז די שפּיצען פון די העכסטע בערג —

זאָלען זיי קלינגען ווי אַ מיליאָן זילבערנע גלעקער, זאָלען זיי רואיק פליסען, ווי דאָס וואַסערל פון אונדזער היים, צו וועלכען די „פּאַראָבקעס" פלעגען פון דאָרף קומען און טרוימען זייער חלום פון קנעכט...

ווילסט מער ניט הערען די ווערטער, וועלכע וואַלגערן זיך פויל אום, ווי נבלות פון אייזלען!...

עס ווילט זיך הערען כאָרען, כאַרען פון מיליאָנען, פון מיליאָנען ליי-בען, וועלכע צעשרייען זיך אין מדבר!...

קום נייג דיין אויער צו דער ערד און הער די קלאַנגען, וועלכע רוישען פון דאָרטען, קום און עפען דיינע אויגן אין תהום פון דער נאַכט און זע, וועלכע פלאַמען עס דערטראָגען זיך —

קום און זע—אַ מחנה גייט. עס גייען מיליאָנען, שולטער ביי שולטער, פוס ביי פוס, מיליאָנען יונגען שוואַרצע, ווי די נאַכט, און פעסטע, ווי בראָנדז, מיט אויגען, וועלכע ברענען, ווי קוילען, און עס טראָגט זיך אַ ברומען, און עס רייסט זיך אַ דונער, וועלכער ברעכט אויס:

— „מיר!...“ —

יאָ, מיר די שקלאַפּען פון דער וועלט!

מיר—די האַרען פון דער וועלט!...

— „מיר!...“—אָט אַזוי הויבט זיך אָן אונדזער וואָרט —

מיר פון יאָרען אייביקע, מיר פון צער דעם אייביקען, מיר פון פּיין דעם ביטערען, מיר—צו נייע וועלטען, מיר—צום נייעם לעבען, מיר!...

— „מיר!...“—אָט אַזוי הויבט זיך דאָס אָן.

און עס פליען אום פון דורות אייביקע ווערטער ווי פלאַמען, ווערטער ווי פונקען, ווערטער ווי שטערען, ווערטער, וועלכע קלינגען, ווי דער האמער ביי מיין טאַטען אין קוזניע —

קום לאָמיר זיי ווייטער אויסשרייען, קום לאָמיר זיי ווייטער אויסשפּינען, —

קום לאָמיר זיי זינגען!..

אונדזער וואָרט, דעם רעוואָלוציאָנערען, דעם סאָציאַליסטישען, אונדזער אייגענעם, דעם האַרציקען, דעם פלאַמיקען,דעם זויבערען און הייליקען, וואָס זיין סוף איז:

— „די גאולה...“

ווי עס רייסען זיך די קלאַנגען אין חלל פון דער וועלט!

פּ. ריילאַנד.

פאַלשע און אמת'ע פרעסע־פרייהייט.

פרייהייט פון דער פרעסע!

איינער פון די שענסטע פאָנען, הינטער וועלכער עס באַהאַלט זיך אַמליבסטען די בורזשואַזע צביעות, ווען זי וויל פאַרבלענדען די אויגען די פאָלקמאַסען.

פרייהייט פון מיינונגען, פון וואָרט, דעם געזאָגטען און געדרוקטען!

קאָן דען זיין אַ נאַטירליכערע פרייהייט, קאָן דען זיין אַ הייליקערע פרייהייט וועלכע מ'טאָר בשום אופן ניט אַריבערטרעטען?

זאָל עמיצער פרובען אָפּנעמען און באַגרענעצען אָט די פרייהייט, ווען די בורזשואַזיע קעמפט פאַר איר מאַכט און מיינוננען,—גאָט, וואָס פאַר אַ געוואַלד, וואָס פאַר אַ קאַצעניאָמער עס וועט זיך אויפהייבן עד לב השמים! וואָס פאַר אַ הייליקע התעוררות, וואָס פאַר אַ נעבעכדיק־נאָבעלע ווערטער עס וועלען זיך אַ שאָט טאָן פון זיי ווי פון אַ לעכערדיקען זאַק!

אָבער ווען די בורזשואַזיע אַליין איז באַ דער מאַכט,—אָ, דעמאָלט איז עפּעס אַנדערש. פּרינציפּען בלייבען טאַקע פרינציפּען,—אָבער, ווי אַלץ אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, בלייבען זיי בלויז דאָס פּריוואַטע אייגענטום פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז בשום אופן ניט געניינגט צו טיילען זיך מיט קיינעם, און באַזונדערס ניט מיט אירע קעגנער.

אין אַמעריקע איז דאָ אַ בפירוש'ער פונקט אין דער קאָנסטיטוציע, אַז קיינער טאָר אין קיין שום פאַל ניט אַרויפלייגען קיין צוים אויף דער פרייהייט פון דער פרעסע,—אָבער ווען עס איז געקומען די מלחמה און די בורזשואַזיע האָט געוואָלט דוקא פאַרמאַכען דעם מויל די אַלע—און באַזונ־

דערס די סאָציאַליסטען, וואָס האָבען זיך דערלויבט צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון ווילסאָנס פּאָליטיק,—האָט מען שוין געפונען אַן עצה: די פּאָסט האָט ניט געוואָלט פונאַנדערפירען איבערן לאַנד קיין סאָציאַליסטישע צייטונגען און די פּאָליציי האָט ניט דערלויבט זיי צו פאַרשפרייטען אין די גאַסען, ווייל דאָס קאָן נאָך שטערען די רו...

און אויב אַזוי איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע, וואו די פרייהייט פון פּרעסע איז אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע, איז שוין ניט שווער זיך פאָרצושטעלען וואָס עס קומט פאָר אין לענדער, וואו אַזאַ פּונקט איז אין דער קאָנסטיטוציע ניט אַריינגעשריבען. צו וואָס דאַרפען מיר גיין נאָך ווייטע ביישפּילען, ווען מיר האָבען אַזוי פיל גאָר נאָענט, באַ זיך אויפן אָרט...

נאָר דאָס,—קאָנען זיך פאַרענטפערען די פאַרטיידיקער פון דער בור־זשואַזיע—זיינען דאָך נאָר אויסנאַמפאַלען, אין צייטען פון גרויסע קריזיסען, ווען די פרייהייט ווערט באַגרענעצט אין אַ סך פּרטים. אין געוויינליכע צייטען,—זאָגען זיי—איז פאַר אונז די פּרעסע־פרייהייט פאָרט הייליק און אומבאַרירלעך. דאָס איז טאַקע אמת: אין געוויינליכע צייטען, אונטער אַ נאָרמאַל־פונקציאָנירענדיקער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער אָרדנונג, איז די פּרעסע טאַקע פריי,—כאָטש אויך דאָס בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי אַטאַקירט ניט דירעקט די הייליקע יסודות פון דער עקסיסטירענדיקער אָרדנונג, דאָס פּריוואַטע אייגענטום, די אַרמעע, די פאַמיליע און נאָך אַזעלכע הייליקייטען. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ פרייהייט? דאָס איז די זעלביקע פרייהייט וואָס דער „פרייער״ לוינאַרבעטער האָט אין דער „פרייער״ קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג: פריי צו פאַרקויפען זיך אָדער שטאַרבען פון הונגער. קומט טאַקע דעריבער פאָר אַ נאַטירליכע צעטיילונג: אַ טייל פּרעסע, דער גרעסטער טייל, די בורזשואַזע, פאַרקויפט זיך צו דעם, וואָס צאָלט מערער, אַנגראָ און דעטייל,—און דער קלענערער טייל, די אַרבעטער־פּרעסע, שטאַרבט פון הונגער.

און די פרייהייט פון דער פּרעסע בלייבט אויף אַזאַ אופן אונבאַרירט.

האָט איר געזען אַ הונט אויף אַ קייט! דאָס איז די פרייע בורזשואַזע פּרעסע. זי איז איבערגעגעבען דעם בעל הבית פון דער געזעלשאַפט ניט נאָר דערפאַר, ווייל ער צאָלט איר און גיט איר עסען, נאָר ווייל זי האָט אַ הינטישע נשמה, וואָס פילט פאָרויס און גיט זיך גערן אונטער יעדען קאַפּריז פון בעל הבית. האָט איר געזען אַ הונט אויף אַ קייט? עס טרעפט אַמאָל, אַז ער גיט אַ ביל אויפן בעל הבית אויך, — אָבער דאָס איז גלאַט אַזוי זיך, כדי יוצא צו זיין קעגען זיין הינטישער פּסיכאָלאָגיע, אָבער זיין גרויס, שטענדיק בילען און זיינע שאַרפע ציין זענען געווענדעט בלויז קע־גען די שונאים פון בעל הבית אָדער קעגען די, וואָס ער איז חושד, אַז זיי ווילען אָנרירען דעם בעל הבית׳ס האָב און גוטס. און אין דעם פּרט איז אַבסאָליוט ניטאָ קיין חלוק צווישען אַ „גוטען״ הונט און אַ „שלעכטען״ הונט. אַ גוטער הונט מאַכט בלויז וויניקער טומעל... דער גוטער געטרייער „פּרעסע־הונט״ ווערט גוט געשפייזט פון זיין בעל הבית, ער באַקומט די גרויסע סובסידיעס, די רייכסטע אַנאָנסען,—אַ באַהאַלטענע פאָרם פון אָפּ־קויפען אַ צייטונג,—ער ווערט פעט און גרויס און גראָב, קאָן קויפען די

גרעסטע צאָל פּאַרקויפטע פּעדערס, און אים איז וואויל און גוט אויף דער וועלט. ער קאָן ביַלען העכער פון אַלעמען, זיין קול לאָזט זיך הערען ווייט און ברייט איבערן לאַנד, און ווייטער ווי איבערן לאַנד—זיי די גרויסע לויטן־אָרגאַנען פון דער בורזשואַזער פּרעסע—ער צווינגט מען זאָל אים הערען, פאַרשרייענדיק אַלע מענטשליכע קולות.

אָבער איז ער פריי? ער האָט נאָר אַזוי פיל פרייהייט וויפיל די גאָל־דענע קייט, און וועלכער ער איז אָנגעבונדען, לאָזט אים איבער.

„פריי" איז אויך די אַרבעטער־פּרעסע, באַ „נאָרמאַלע" באַדינגונגען. אָבער זי איז קליין און אָרים. פון די אָרימע אַרבעטער־גראָשענס קאָן זי זיך ניט צעוואַקסען. איר קול איז שטיל און מען הערט אים ניט צוּ־ליב דעם טומעל פון די בורזשואַזע קייטען־הינט. זי ווערט געלייענט בלויז אין ענגע קרייזען פון באַוואוסטזיניקע אידעאַליסטען, וואָס זעען אין איר אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס זיי טראַכטען און ריידען אַליין. די ברייטע אַרבעטער־און פּאָלקמאַסען מוזען זיך אָבער שפּייזען מיט דער צביעות און פאַלשקייטען פון דער בורזשואַזער פּרעסע, זייער געוויסען און באַוואוסט־זיין ווערט טאָג־טעגליך פאַר'סמ'ט און פאַרטומעלט פון דעם העלישען ליאַ־רעם פון דער בירגערליכער „פרייער" פּרעסע, זיי ווערען דורכגעדרונגען מיט אירע „אידעאַלען" און באַגריפען.

איז דאָס אַ פרייהייט פון דער פּרעסע?

ס'איז די זעלבע פרייהייט וועלכע די בורזשואַזע געזעלשאַפט גיט דעם הונגעריקען און נאַקעטען אַרבעטער אַריינצוקוקען אין די רייכע שוי־פענ־סטער פון די מאַגאַזינען, וואָס זענען אָנגעפּאַקט מיט כל טוב: פּרינציפּיעל קאָנסטו דאָס אַלץ קויפען, אויב דו האָסט געלט. אָבער אַזוי ווי דאָס געלט איז באַ דער בורזשואַזיע, קויפט זי זיך אויס אַלע גוטע זאַכען און לאָזט פאַרן אַרבעטער קוים מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטען.

די גרעסטע פרייהייט, צו וועלכער דער אַרבעטער דאַרף שטרעבען צו דערגרייכען,—פּאַקטיש דער ערשטער תּנאַי פון זיין פולער באַפרייאונג, איז—אַז ער זאָל זיך באַפרייען פון דער בורזשואַזער פּאַרקויפטער פּרעסע. אַזוי לאַנג ווי קיין אַנדער זאַך איז ניט מעגלעך מוז ער זיך אַליין העל־פען אין דעם פּרט, בויענדיק אַן אייגענע פּרעסע מיט זיינע גראָשענס. אין דעם מאָמענט אָבער, ווען ער וועט עס קאָנען דערגרייכען, מוז די מלוכה פאַרזיכערען פאַר אים די מעגליכקייט צו האָבען אַן אמת'ע פריי־ע פּרעסע,—אָבער אין דעם מאָמענט, ווען די מלוכה וועט דאָס באַקומען די מעגליכקייט צו טאָן פאַר אים, ווען זי וועט אַריבער אין די אַרבעטער־הענט,—אין דעם מאָמענט וועט שלאָגען די לעצטע שעה פון דער בורזשו־אַזער „פּרעסע־פרייהייט", ווייל מיט דער אָפּשאַפונג פון דער „הייליקייט" פון אייגענטום, וועט אָפּגעשאַפט ווערען אויך דער קייטען־הונט, וואָס היט עס...

———■ ■ ■———

אברהם זאַק.

דער פּאַקעל.

אַמאָל...

אַ קליין ליכטעל איז עס אַמאָל געוועזען. מיט אַ קליין, אָבער ליכטיקען, פיל־פיל צוזאָגענדיקען פלעמעל האָט עס אַמאָל געלויכטען אין דער מצרים־פינצטערניש פון אידישען אַרבעטערס קנעכטשאַפט, ווען זיין גייסט איז נאָך אין קייטען געווען געשמידט...

פון דער רויכיקער פאַבריק, וואו די רעדער רוישען און באַטויבען; צי פון אַרבעטס־שטיבעל, פון וואַרשטאַט, וואו די בייזע שטים פון בעל־הבית שטעכט און לעכערט ווי אַ ראָבען־קראַקען גלייך אין האַרץ אַריין,— איז דער אַרבעטער אַ היים געקומען שפּעט אין אָוונט. מיט אַ געבויגענעם רוקען, אָנגעמאַזאָליעטע הענט, דערשעפּטע כחות האָט ער זיך נאָך זיין באַ־שיידענעם אָוונט־ברויט צו עפּעס אַ געדרוקט פּאַפּיר גענומען. געגעבען האָט עס אים שטילערהייט איינער אַן אַרבעטער אין אַ שוואַרצער בלוזע, מיט פלאַמיקע אויגען... געגעבען און געהייסען זיך היטען דערמיט פאַרן ליכטיקען שיין... געוועזען איז עס עפּעס אַן אויפרוף, צי אַ פּראָקלאַמאַציע, צי עפּעס אַ בלעטעל, וואָס איז געדרוקט געוואָרען ניט „בדפוס אַמסטער־דאַם“, נאָר ערגעץ־וואו אין אַ קעלער צי אויף אַ בוידעם, וואוהין קיין זייטיק אויג קען ניט אַריינדרינגען, און נאָכדעם, באַהאַלטענערהייט, איז עס געגאַנגען פון האַנט צו האַנט...

און דער אַרבעטער נאָכן שווערען 14—16־שעה׳דיקען אַרבעט־טאָג לעזט עס באַם טונקעלען שיין פון אַ רויכיק לעמפּעל—און זיינע אויגען, פאַר דער צייט מאַט־געוואָרענע, צינדען זיך בּיסלעכווייז אָן, און די האַלב־אָפּגע־טעמפּטע פאַנטאַזיע דערוואַכט פלוצלינג. ס׳אַראַ פּרעכטיקע בילדער מאָלט דאָס דאָזיקע געדרוקטע פּאַפּירעל! באַפרייאונג פון קנעכטשאַפט, אויסלייזונג פון אייביקער עקספּלואַטאַציע, אויסגלייכען די גלידער, אויפהויבען דעם קאָפּ צו דער ליכטיקער זון, פריי געניסען פון גרינע פרילינג־פעלדער, איינאָטעמען דעם פרישען אַראָמאַט פון בלומען...

ווי גליקליך, ווי הערליך־שיין עס צעשפּילט זיך די פאַנטאַזיע ביי דעם, וואָס טראָגט קייטען אויף די הענט און אויף די פיס! ווי העל און ריין, ווי יושר׳דיק און אמת׳דיק איז די וועלט פון דער צוקונפט! — — —

— —

דאָס איז געווען דער אָנהייב: דער אָנהייב פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, ווען זי איז נאָך אין אירע ווינדעלעך געווען; דער אָנהויב פון דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק, פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס...

אַ קליין ליכטעל, אָבער מיט אַ הייליקען פיל־פיל צוזאָגענדיקען פלעמעל...

* *

*

היינט.

דאָס קליינע ליכטעל האָט זיך אין אַ פּאַקעל פאַרוואַנדעלט,–אַ פּאַקעל, וואָס באַשטראַלט און באַלייכט גאַנצע מחנות; וואָס וואַרפט שטראַלען איבער טויזענטער-טויזענטער קעפּ, איבער בערג פון שאַרבענס אויפן וועג צו דעם ליכטיקען עתיד פון דער מענשהייט...

ניט קיין קעלער-ליכטעל איז עס שוין אַצינד–פריי און אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט האָט זיך די סאָציאַליסטישע פרעסע צעוואַקסען און פאַרצווייגט. פראַנק און פריי, פאַרן ווייסען טאָג פון דער וועלט. דאָס איז דער נצחון פון אַרבעטער-קלאַס, דער טריומף פון זיין צוקונפט״אידעאַל. פון אַ קליין קוועלכעל אונטער דער ערד האָט זיך עס אין אַ ברויזענדי-קען שטראָם פאַרוואַנדעלט, פון אַ שטראָם–אין אַ מעכטיקען אָקעאַן, וואָס שווענקט אַראָפּ און וועט אַראָפּשווענקען דאָס גאַנצע שלעכטס פון דער צעפוילטער געזעלשאַפט...

פיל-פיל טראָפּייען האָט דער אַרבעטער געוואונען דורך זיין פּאַקעל אין זיין שווערען קאַמף.

און הערט די היינטיקע וועלט די שטים פון דער פרעסע–די שטים פון אַרבעטער-קלאַס–ווערט זי פאַרציטערט. עס מאָלען זיך שוין אויס פאַר איר די אייגענע חורבות, אונטער וועלכע זי וועט פאַרשאָטען ווערען... זי זעט שוין איר סוף, איר אונטערגאַנג... זי פילט ווי שנעל, ווי אומגעהויער געשווינד עס רייסען-זיך-איבער די רינגען פון די שקלאַפען-קייטען, ווי אונטערדריקטע און פאַריאָכטע ווערען באפרייט און הויבען-אויף מיט טריומף די פאָן פון דער צוקונפט...

און ס׳קלינגט, און עס וועקט דער רוף פון דער אַרבעטער-פרעסע. זי וועקט די פאַרשלאָפענע און די אָפּגעשטאַנענע, רופט זיי פאָרויס, פאָרויס...

און ווערט די וועלט מיט בלוט פאַרגאָסען, און ווערט די וועלט מיט טייכען טרערען פאַרשווייַנקט, און די ערד ווערט מיט גאַנצע פעלדער פון הרוגים פאַרזייט–הויבט זיך אויף דער פאַקעל העכער צום הימעל, צערייסט די פינצטערע שאָטענס, און באַלייכט די ווייטע צייט פון יושר און גע-רעכטיקייט, ווען קין וועט זיין האַנט שוין ניט אויפהייבען אויף הבל׳ען–ווען דער גיהנום וועט אין אַ גן-עדן פאַרוואַנדעלט ווערען...

און דער אַרבעטער ווייס און קען דעם כח פון זיין פאַקעל; ער ווייס, אַז דאָס איז זיין מעכטיקסטע געווער אין זיין לעבען-מלחמה, און פעסט האַלט ער אין דער האַנט דעם פאַקעל, וואָס גיט אים ליכט, וואָס גיט אים באַוואוסטזיין, וואָס עפענט אים די אויגען און באַלייכט אים די ווייטע האָריזאָנטען...

אַמאָל–אַ ליכטעל, אַ קעלער-ליכטעל, און היינט–אַ פאַקעל, אַ העל-פלאַמענדיקער פאַקעל...

י. ק.

מאטעריאלען צו דער געשיכטע פון אונזער פארטיי־פרעסע.

ביז דער פאראייניגונג פון דער „סאציאליסטיש־טעריטאריאליסטישער ארבעטער פארטיי“ (ס. ס.) מיט דער איד. סאצ. ארב. פארטיי (י. ס.)—וואס איז פארגעקומען דעם 28־טען מאי 1917 יאר—האט יעדע פארטיי געהאט אירע אייגענע באזונדערע ארגאנען.

אבער יעדע פון די ביידע ריכטונגען האט ארויסגעגעבען א גאנצע ריי בלעטלעך, צייט־שריפטען און זשורנאלען איידער זי האט זיך ארגאניזירט אלס א פארטיי (ד. ה. ביז סוף 1904 יאר). אין די גאר ערשטע יארגאנגען (1901—1903) האבען אבער מיטגעארבעט סיי די צוקונפטיקע „סיי־מיסטען“ („וואזראזשדענצעס“). סיי די צוקינפטיקע „ס. ס.“

דאס ערשטע געדרוקטע ווארט, וואס האט פרובירט שאפען א סינטעז צווישען סאציאליזם און טעריטאריאליזם, איז דערשינען אין 1901 יאר. דאס איז געווען דער ערשטער „אויפרוף צו דער אידישער יוגענט—ארויסגעגעבען פון א גרופע ציוניסטען־סאציאליסטען“, (דערשינען אין דייטש־לאנד). פון דעמאלט אן האבען אנגעהויבען דערשיינען פאלגענדיקע ארגאנען.

„דער ח מ ו ן — № 1 (דערשינען אין בערלין אין 1903 יאר).

„א ר ב ע ט ע ר ־ צ י ו נ י ס ט“ ארויס 3 נומערן אין מינסק, אין 1902, 1903 יאר.

„פ ל ו ג ב ל א ט“, ארויסגעגעבען פון דער ו א ר ש ע ו ע ר ארגאניזאציע „ארבעטער־ציוניסטען“ ארויס 2 נומערן אין 1903).

„די פ ר י י ה י י ט“ (אין 1904 יאר דערשינען 2 נומערן, ארויסגעגעבען פון די ווילנער אר־בעטער־ציוניסטען“).

„דער ק ע מ פ ע ר“ אין קאטערינאסלאוו (אין 1904 יאר).

„כ ר א נ י ק“ ארגאן פון דער אידישער ציוניסטיש־סאציאליסטישער שילער־ארגאניזאציע אין פוילען (ארויס אין טשענסטאכאוו 3 נומערן אין 1904 און אין 1905).

דאס אלץ איז, אזוי צו זאגען, די „פאר־געשיכטע“. דאס זענען אלץ געווען קליינע אר־טיקע ארגאנען, וועלכע צוליב דער אומלעגאלקייט און שווערע באדינגונגען, האבען לאנג נישט געקאנט לעבען.

אין סוף דעצעמבער 1904 יאר קומט פאר אין אדעס די ערשטע קאנפערענץ פון די בא־זונדערע ארטיקע ארגאניזאציעס, און אין סוף אפריל 1905 דערשיינט „די דעקלאראציע פון דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער ארבעטער־פארטיי“.

פון דאמאלט־אן טראגען שוין אלע ארגאנען, סיי די, וועלכע דער צענטראלער קאמיטעט האט ארויסגעגעבען, סיי די וועלכע די ארטיקע קאמיטעטען האבען ארויסגעגעבען, סיי די לעגאלע סיי די אומלעגאלע אן איינהייטלעכען פארטיי־כאראקטער.

קודם־כל דער טעארעטישער ארגאן „דער אידישער פראלעטאריער“ (געדרוקט אין אויס־לאנד,*) אין 1905 יאר).

די „כראניק“ פון צ. ק. פון דער א. ס. א. פ. (דערשינען 3 נומערן אין 1905).

„פארווערטס“ וועכענטליכער ארגאן פון ווארשאווער קאמ. דערשינען 5 נומערן. אין 1905 יאר. (אין די אקטאבער־טעג).

„פונקען“, (דערשינען אין 1905 אין לאדז).

אין 1905, נאך דער אקטאבער־רעוואלוציע, הייבען־אן צו דערשיינען די ערשטע לעגאלע צייטשריפטען.

דער „נייער וועג“—(דערשינען אין ווילנע 25 №№, 1906, ארגאן פון צ. ק. פון דער צ. ס. א. פ. (מארמאלט דורך דער צענזור).

דאס „ווארט“—דערשינען אין ווילנע אין 1907 יאר 12 №№ (ארגאן פון צ. ק. פארמאכט דורך דער צענזור).

„אונזער וועג“, ארגאן פון צ. ק.; דערשינען אין ווילנע אין 1907 יאר (3 נומערן).

„שטראל“ זאמעלביכער (דערשינען אין ווילנע 2 נומערן אין 1908), ארויסגעגעבען דורכן צ. ק. צוליב דער אוממעגלעכקייט ארויסצוגעבען ווייטער לעגאל די פרעסע, הייבען ווידער אן

*) אלע אין אויסלאנד געדרוקטע ארגאנען פלעגען געשמוגעלט געווערען קיין רוסלאנד.

צו דערשיינען אין אויסלאַנד אומלעגאַלע צייטשריפטען.

„אידישעס פּריילאַנד" (№ 1 דערשינען אין ווין אין 1909 אָרגאַן פון דער מערב-איירא-פּעישער ליגע פון דער צ. ס. אַ. פּ.).

„דער מאָרגען" (דערשינען אין ווין, אָרגאַן פון דער מערב-אייראָפּעאישער ליגע).

„צוקונפט" (אַ זאַמעלביכעל), דערשינען לעגאַל אין וואַרשע אין 1913 יאָר.

דאָס זענען אַלץ אָרגאַנען, וועלכע עס האָבען אַרויסגעגעבען די ס. ס. ביז דער מלחמה.

ווי שוין דערמאָנט, זענען גלייכצייטיק דערשינען אַ גאַנצע ריי פּעריאָדישע אויסגאַבען פון דער איד. סאָצ. ארב. פּאַרטיי („סיימיסטען").

אין סעפּטעמבער 1902 איז פאָרגעקומען די בעראַטונג, וועלכע האָט באַשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ אייגענעם אָרגאַן: די „וואָזראָזשדעניע" (רוסיש) נומר 1—2, דערשינען אין לאָנדאָן אין 1914 צוזאַמען מיט דעם „באַריכט פון דער קאָנפערענץ „וואָזראָזשדעניע".

זומער 1914 איז דערשינען „די אידישע פּרייהייט" נומר 1—2 (אַן איבערזעצונג פון „וואָזראָזשדעניע")

אין הערבסט 1904 איז אין פּאַריז דערשינען נומר 3—4 „וואָזראָזשדעניע". דאָס זאַמעל-בוך איז שוין דערשינען אין פּעטראָגראַד לעגאַל סוף 1905 יאָר מיט דעם אונטער-טיטעל: „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמע".

אין אַפּריל 1906 איז דערשינען די „דעקלאַראַציע" וועגען דער בילדונג פון דער איד. סאָצ. ארב. פּאַרטיי (סיימיסטען).

די ווייטערדיקע אויסגאַבען זענען שוין אָרגאַנען פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי.

די „פאָלקסשטימע" אַ צווייוועכענטליכער זשורנאַל, דערשינען לעגאַל אין ווילנע №№ 12 (אין 1906—7).

„סערפּ" (רוסישע זאַמעלביכער) דערשינען צוויי ביכער אין 1907 יאָר (לעגאַל אין מאָסקווע)

די „שטימע" (אַ זאַמעל-ביכעל) דערשינען אין 1908 יאָר.

באַלד נאָך דער רעוואָלוציע גיט אַרויס אין פּעטראָגראַד דער צ. ק. פון דער סאָציאַל-טעריטאָריאַליסטישער ארב.-פּאַרטיי (ס. ס.) דעם רוסישען אָרגאַן: „יעווריעיסקי פּראָלעטאַרי" (№№ 5) און אין קיעוו „דער אידישער פּראָלעטאַריער".

די סיימיסטען גיבען אַרויס אין קיעוו № 1 „דער אידישער סאָציאַליסט".

אין יאָר 1917 קומט פאָר די פאַראייניגונג פון ביידע פּאַרטייען, און פון איצט אָן זענען אַלע אָרגאַנען שוין פון דער „פאַראייניגטער" א. סאָצ. ארב. פּאַרטיי (ס. ס. און י. ס.)

עס דערשיינט ווייטער „דער אידישער פּראָלעטאַריער" (אין קיעוו, №№ 11).

דעם 1-טען סעפּטעמבער 1917 הייבט אָן צו דערשיינען אין קיעוו דער טעגליכער גרויסער אָרגאַן: „די נייע צייט", (אַרויס 435 נומערן). דאָס איז געווען דער ערשטער טעגליכער אָרגאַן פון אונדזער פּאַרטיי.

אין האָמעל דערשיינט אין 1917 יאָר „אונדזער וועג" (צוערשט אין רוסיש: „נאַש פּוט — שפּעטער אין אידיש).

אין 1918 דערשיינט אין האָמעל אַ 2 וואָכען-זשורנאַל „דער שטראַל", אָרגאַן פון הויפּט-קאָמיטעט פאַר ווייס-רוסלאַנד.

„דער אידישער אַרבעטער", אָרגאַן פון כאַרקאָווער קאָמיטעט אין 1917 יאָר.

„אונדזער וואָרט", (1917, אין אָדעס).

„יעווריעיסקי סאָציאַליסט" (דערשינען אין רוסיש אין לוגאַנסק אין 1917).

„דער קעמפער" (1917 אין יעקאַטערינאָסלאַוו.)

נאָך דעם בריסקער שלום דערשיינט אין מאָסקווע „אונדזער וועג", אָרגאַן פון צ. ק. פון די „פאַראייניגטע" אין ראַטען-רוסלאַנד. (דערשינען אין 1918 יאָר 6 נומערן).

„פאָרויס", אָרגאַן פון דערווייליקען הויפּט-ק. פאַר ליטע און ווייס-רוסלאַנד (№ 1 פעברואַר 1919).

„אונדזער וואָרט", אָרגאַן פון טשענסטאָכאָווער קאָמיטעט (דערשינען אין 1919 יאָר (3 נ.).

ענדלעך, באַלד נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע און נאָך פּוילענס באַפרייאונג פון דער אָקופּאַציע הייבט אָן צו דערשיינען אין וואַרשע: „אונדזער וועג", אָרגאַן פון הויפּט-קאָמיטעט פון דער אי. ס. אַ. פּ. („פאַראייניגטע") אין פּוילען (ביז איצט דערשינען 59 №№).

עס ווערט אָנגענומען דאָס אַבאָנאַמענט
אויפן וואָכענבלאַט

„אונזער וועג“

צענטראַל־אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי „פאַראייניגטע“ אין פּוילען.

אין „אונזער וועג“ באַטייליקען זיך

מ. אַנין (ד״ר שאַץ); בן־אַדיר; פ. בוקסהאָרן; דוד בערגעלסאָרן; י. גאָרדין; מ. גוטמאַן; אייב נידאָ; י. גייסט; ש. גילינסקי; ד. דאַווידאָוויטש; ה. דאַניעלעוויטש (הערשעלע); אַ. וועבער; ש. זוסמאַן; אַ. זאַק; מ. כץ; אַ. כראָבאָלאָווסקי; מ. ליטוואַקאָוו; יעקב לעשצינסקי; מ. מענדעלסבערג; ד״ר מוקדוני (אַלעקסאַנדער קאַפּעל); אַ. סינגאַלאָווסקי („אהרן טשענסטאָכאָווער“); יעקב פּאַט; ל. פייגענבוים; ר. פעדערמאַן; ל. פינעס; ד״ר י. קרוק; נ. שפּיראָ; ז. סעגאַלאָוויטש און אַנדערע.

אבאנאמענט־פּרייז:

אַ יאָר 36 מאַרק; אַ האַלב יאָר 18 מאַרק; 3 חדשים—9 מ.; אַ חודש—3 מ.; אַ נומער אין איינצעל־פאַרקויף—75 פ.

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:

וואַרשע, לעשנאָ 27; טעל. 38-67 פּאָסט־פאַך 69

Unzer Wort

STYCZEŃ 1920.

דרוקעריי: כץ און ציִמער, וואַרשאָ, נאַלעווקי 47 טעלעפאָן 120-68